אַז ער זאָל אונדז מוחל זײַן די זינד און אונדז לײַטערן
10 פֿון יעדער אומגערעכטיקײט. (משלי כח, יג.) װען מיר
זאָגן, אַז מיר האָבן נישט געזינדיקט, מאַכן מיר אים
פֿאַר אַ ליגנער, און זײַן װאָרט איז נישט אין אונדז.

## קאַפּיטל צװײ

1 קינדער מײַנע, דאָס שרײַב איך אײַך, כּדי איר
זאָלט נישט זינדיקן; און װען עמיצער
זינדיקט יאָ, האָבן מיר אַ מליץ (יושר) בײַ דעם
2 פֿאָטער, ישוע המשיחן, דעם צדיק; און ער איז
דאָס (קרבן) כּפּרה פֿאַר אונדזערע זינד, און נישט נאָר
פֿאַר אונדזערע אַלײן, נאָר אױך פֿאַר דער גאַנצער
3 װעלט. און דורך דעם װײסן מיר, אַז מיר
4 קענען אים: װען מיר היטן אָפּ זײַנע געבאָטן. װער
עס זאָגט: איך קען אים, און היט נישט אָפּ זײַנע
געבאָטן, דער איז אַ ליגנער, און דער אמת איז
5 נישט אין אים; װער אָבער עס היט יאָ אָפּ זײַן װאָרט,
װערט גאָטס ליבע באמת פֿאַרפֿאַלקאָמט אין אים:
דורך דעם װײסן מיר, אַז מיר זענען אין אים:
6 װער עס זאָגט, אַז ער בלײַבט אין אים, דער איז
מחויב צו װאַנדלען אַזױ, װי ער האָט געװאַנדלט.
7 געליבטע, איך שרײַב אײַך נישט קײן נײַ געבאָט,
נאָר אַן אַלט געבאָט, װאָס איר האָט געהאַט פֿון
אָנהײב אָן; דאָס אַלטע געבאָט איז דאָס װאָרט, װאָס
8 איר האָט געהערט. װידער שרײַב איך אײַך אַ נײַ
געבאָט, װאָס איז אמת אין אים און אין אײַך; װײַל
די פֿינסטערניש פֿאַרגײט, און דאָס װאָרהאַפֿטיקע
9 ליכט שײַנט שױן. װער עס זאָגט, אַז ער איז אין
דעם ליכט, און האָט פֿײַנט דעם ברודער זײַנעם,
10 דער איז (נאָך) אין דער פֿינסטערניש ביז איצט. װער